לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

**גליון 17 | פרשת ויצא תש"פ**

## א געבעט אין די פינסטערניש

ארויסגענומען פון ליקוטי הלכות מנחה ה"ז, פ"ט

**וועלכע תפילות וועלן ברענגען משיח'ן?** | וועלכע סארט תפילה האט יעקב אבינו מתקן געווען? | **וואס טוט מען ווען מען האט נישט קיין דיבורים אדער מען זעט נישט קיין צייכן פון א ישועה?**

א פינסטערע נעפל באדעקט דעם גאנצן ארום, די ווינטערדיגע פרעסטן בוזשעווען מיטן פולסטן קראפט אזש א סקרוך לויפט דורך די ביינער. דארטן אין א זייטיגע ווינקל טיף אין וואלד ביי א אפגעבראכענעם שטאם פון א בוים, זיצט א אינגערמאן און שמועסט אויס זיין הארץ פאר'ן רבוש"ע, ווען אינצווישן לאזט ער פאלן זיסע הארציגע טענות אזש די הארץ קען צעגיין: "רבוש"ע, שוין נישט דאס ערשטע מאל וואס איך זעץ מיר אוועק פאר דיר, בעטנדיג ביי דיר, אז דו זאלסט מיר העלפן צו לעבן מיטן תכלית, און זיך צו דערווייטערן פון אלעס וואס אנבאלאנגט נאר צו שלעכטס, און זיין נאנט צו דיר א.א.וו. - און נאכאלץ געפין איך זיך אזוי ווייט...". עס פרעגט זיך אים פלוצלינג די פראגע, "דער אייבערשטער הערט מיר אויס?. "רבוש"ע, ווילאנג נאך, טאטעניו זיסער, וועל איך נאך דארפן גאָרגלען מיין האלז ביז איך וועלן געהאלפן ווערן? איך פיל, ווי נאך אביסל און איך האלט שוין ביים שוועל פון יאוש, **א-א-א-ו-י, ט-ט-ט-א-א-א-ט-ע!**" - רייסט זיך פלוצלינג ארויס א טיפע קרעכץ פון זיין הארץ וואס הילכט אפ אינעם בלויזן וואלד, ווערנדיג באגלייט מיט א ווידער קול וואס ווערט אויסגעמישט מיט די זשומענדע פייפערייען פון די קאלטע ווינטן...

אט די עפיזאד (אדער ענליך צו דעם) איז גאנץ קענטליך און היימיש פאר די אלע וואס פרובירן נאר צו דינען דעם אייבערשטן. אסאך מאל קען אריבערגיין א לאנגע צייט אָן דעם וואס דער מענטש זאל זען עפעס א שטראל פון ליכטיגקייט. ער קען שטיין און האקן אויף די שערי רחמים, אבער... אלעס זעט אויס פארשלאסן... זיין הארץ ווערט דאן פארקלעמט און צובראכן, טראכטנדיג: פארוואס ענטפערט מען מיר נישט?!...

נישט איינמאל מאכט זיך אויך, אז דער מענטש טרעפט זיך זיצן מיטן אייבערשטן ביי התבודדות און זיין הארץ איז פארהארטעוועט ווי א שטיין, זיין מויל איז ווי געלעמט, ער קען נישט באווייזן ארויסצוברענגען קוים איין האלבע צוקראצטע דיבור פון מויל, דער מענטש פילט צומאל ווי ער טראגט עס מער נישט אריבער, ער ברעכט אונטער... וואס טוט מען אין אזא פארלעגנהייט? פון וואנעט קען מען אנשעפן די כוחות זיך צו קענען האלטן פעסט און נישט אפלאזן דעם אייבערשטן אפילו אין אזעלכע פארלוירענע מצבים?!

- אט דאס איז צו פארדאנקען, אונזער זיידע, יעקב אבינו ע"ה. ווען נישט אים וואלט שוין לאנג געווען לאחר יאוש. וואס הייסט? איז דער הייליגער רבי נתן מסביר. מיר ווייסן אז די דריי אבות הקדושים, אברהם, יצחק און יעקב, האבן מתקן געווען די 'דריי תפילות' שחרית, מנחה און מעריב. אט די דריי באזונדערע צייטן פון תפילה, זענען נישט נאר פונאדערגעשיידט מיטן טערמין געוואנדן אין די זון-שטאנד העכער אונזער ערד-פלאך. נאר איז מרמז אין פנימיות'דיגן זין, אויף דריי סארטן מצבים אין א מענטשן'ס לעבן: אין די צייט וואס אברהם אבינו און יצחק אבינו האבן מער אוועקגעשטעלט די עבודה פון תפילה צו דאווענען צום אייבערשטן, בייטאג, בשעת דער מענטש איז ארומגענומען מיט ליכטיגקייט, די אמונה שיינט אים קלאר ווי ער וואלט ממש געזען דעם אייבערשטן, און די דיבורים פליסן געשמאק ווי א טייך - האט יעקב אבינו מתקן געווען לעומת זה, א תפילה פון גאר א אנדערע סארט...

> **אין די צייט וואָס אַברהם און יצחק האָבן אַוועקגעשטעלט צו דאַווענען, בייטאָג, ווען די אמונה שיינט, די דיבורים פליסן ווי אַ טייך, האָט יעקב אָבינו אַהערגעשטעלט אַ תפילה פון גאָר אַ אַנדערע סאָרט...**

נעמליך, ביינאכט, בשעת געדעכטע פינסטערנישן נעמען ארום דעם מענטש, ער זעהט נישט אז זיינע תפילות זאלן עפעס אויפטון, זיין הארץ און זיין מויל זענען פארגליווערט ווי אייז - מיט דעם אלעם זאל ער קענען ווייטער בלייבן פאר'עקשן'ט ביים שוועל און ווייטער אנקלאפן אויף די שערי רחמים ביז מען וועט אים עפענען און נישט מיד ווערן אדער מיואש ווערן אינצווישן - אט דאס האט יעקב אבינו מיט זיין געוואלדיגע קדושה באוויזן אהערצושטעלן.

נישט אומזיסט - ווען די תורה וויל אנכאפן די לשון פון תפילה ביי יעקב אבינו ווערט עס ארויסגעגעבן מיטן אויסדרוק פון "**וַיִּפְגַּע**", וואס פון דעם לערנען חז"ל ארויס אז **אין "פגיעה" אלא "תפלה"** (עי' רש"י), אנדערש ווי געווענליך ווי די תורה געבט עס ארויס מער מיט אנדערע סארטן אויסדרוקן, צום ביישפיל ביי יצחק אבינו - מיטן לשון "**לָשׂוּחַ**", וואס צייגט מער אויף א

*המשך בעמוד ב'*

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו*
*בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם*** *(כ"ח, י"א)*

הרה"ק מוהרנ"ת זצ"ל היה אומר בצחות לשונו, שכמו ש"אין רגע בלא פגע" (מובא בשל"ה), לכן צריך לקיים "**אין רגע בלא פגע**" לשון "בקשה". כי תיבת **פגע** יש לו שני פירושים: לשון **פגע רע** ולשון **בקשה**. וכשמקיימים "אין רגע בלי פגע ובקשה", ניצולין ע"ז מפגעים רעים ח"ו!

*(שיש"ק א, תרס"ה)*

***וַיִּשָּׂא אֶת קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ*** *(כ"ט, י"א)*

פרש"י: "**לפי שבא בידים ריקניות**". פעם התאונן אחד לפני הרה"ק מוהרנ"ת זצ"ל, שאין לו ליתן מתנות לארוסתו, וניחם אותו, ואמר לו: "גם יעקב אבינו ע"ה לא היה לו ליתן מתנות לכלתו בעת שברח מפני עשיו אחיו..." אמר לו: "מה ענין יעקב אבינו בשבילי? אצלו היה הכל רזין עלאין", אמר לו: "**גם אצלך יש רזין עלאין!...**"

*(שיש"ק א, תש"י)*

***נַפְתּוּלֵי אֱלֹקִים נִפְתַּלְתִּי*** *(ל', ח')*

פרש"י: **נתעקשתי והפצרתי פצירות ונפתילים הרבה למקום, להיות שוה עם אחותי, וגם יכולתי - שהסכים על ידי.** עיין בפרש"י ותפרש לך בלע"ז הפסוק עם פרש"י, ואז תבין עד היכן צריכין להיות **עקשן** גדול בעבודת השם אע"פ שנדמה לך שאינך פועל כלל! והעיקר בהתבודדות 'לשוח בינו לבין קונו' ימים ושנים, כמו העקשן ממש שעושה הדבר בלי טעם! וכשיהיה חזק בזה אז סוף-כל-סוף בוודאי יזכה לפעול בקשתו **להיות שוה עם אחיו** הכשרים והצדיקים להתקרב להשי"ת באמת!

*(ליקו"ה תפילין ה"ה, מ"ג)*

קול משיב לשואל

**שו"ת בעבודת השם,** שיעורים, **דברי תורה על הפרשה,** וועכענטליכע החתזקות, **סעילס אויף ספרי ברסלב**

**718.362.8870**

*המשך מעמוד א'*

תפילה וואס ווערט אפגעהאלטן אין פאָרעם פון א איינגענעמע און געשמאקע "שמועס". וויבאלד אט דאס איז הויפטזעכליך די כח התפילה וואס יעקב אבינו האט מתקן געווען: צו זיין גרייט צו מתפלל זיין אפילו אויף די פרייז ווען איך דארף כביכול נאכלויפן און נאכ'**פגע'נען** דעם אייבערשטן אז ער זאל מיר עפענען!

יא, דווקא יעקב אבינו, לייגט צו רבי נתן, נאר ער האט געקענט באווייזן אהערצושטעלן אט די דאזיגע. וויבאלד יעקב אבינו איז געווען די **"בחיר שבאבות"**, און מיר ווייסן שוין דעם כלל פון לאנג (ליקו"מ ל'), אז א צדיק ווי גרעסער ער איז און ווי העכער ער גייט ארויף, אלץ מער פארמאגט ער די כח אראפצוגיין און ארײנשײנען א ליכטיגקייט פון האפענונג און תקוה אין אלע פארשטויסענע און פארווארפענע נשמות, תשובה צו טון! דערפאר, נאר די גאר הויכע צדיקים, און צווישן זיי - דער הייליגער רבי, האבן פארמאגט די כח צו מגלה זיין, אז: **"אֲפִלּוּ אֵייעֶר זַאךְ וִויא אַהִין אִיטְלִיכֶער אִיז גִּיפַאלִין**, איז דער עיקר אין וואס אלעס איז געוואנדן: **אַבִּי מֶ'אִיז זִיךְ נִיט מְיַאֵשׁ פוּן שְׂרַײעֶן!**".

אט דאס איז טאקע דער עיקר עסק פון יעקב אבינו - **וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו**, זיך צו פאָרענען מיט די אלע נשמות ישראל פון "עקבתא דמשיחא" פון היינטיגע צייטן וואס ליגן צוטרויטן אונטער די פאדעוושקעס פון די סטרא אחרא - פון עשו הרשע, און זיי פארוואנדלען פון א **"יעקב"** אלץ א **"ישראל"** וואס איז די אותיות **ל"י רא"ש**, דאס הייסט, זיי אויפצוהייבן ביז צום **שפיץ!** און ערצייגן פון זיי א סימבאל פון א ריכטיגע **"ישראל" אשר בך אתפאר!**

צום שלוס: אויב מיינט איר אז אט די סארט תפילות ווערן פאררעכנט אויבן אין הימל, מער פון די שוואכערע קוואליטעט, און איז נישט אזוי טייער ביים אייבערשטן, דאן הערט זיך ווייטער איין צו די קלאָרע רייד פון רבי נתן: ווי באוואוסט זענען די דריי תפילות אקעגן די דריי בתי מקדשות (כמובא), ווען גראדע דווקא די "תפילת ערבית" וואס יעקב אבינו האט מתקן געווען איז אקעגן די "בית המקדש השלישי" וואס וועט אינגיכן אויפגעבויעט ווערן. וויבאלד דווקא דורך אט די סארט אָרים-אויסזעענדע תפילות וואס א מענטש שטרענגט זיך אן צו קומען צום אייבערשטן ווען אלעס ארום אים איז שווארץ און טונקל, דורך זיי וועט משיח צדקינו אונז קומען אויסלייזן! וויבאלד די "תפילה לעני" פארשאפט די סאמע העכסטע פארגעניגן פאר'ן בורא כל עולמים (עי' ליקו"ה תפילין ה"ה, מ"ג - בענין מעלת ה"תפילה לעני").

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# דער בריוו צו סטאַלין

שוין א לאנגע צייט וואס ער בענקט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל. יעדן איינציגסטן טאג ביי התבודדות, גיסט ער אויס זיין הארץ צום רבוש"ע, אז ער זאל זיך שוין דערבארעמען אויף אים און אים ענדגילטיג ערמעגליכן אויסצופירן זיין טרוים. דאס הארץ פונעם לעגענדארן חסיד רבי משה גלידמאן – אדער ווי מען פלעגט אים רופן ר' משה טשענסטחובער – איינע פון די גאר נאנטע תלמידים פון רבי אברהם ב"ר נחמן פון טולטשין – האט שטענדיג געגארט צו קענען באטרעטן די הייליגע באדן פון ארץ ישראל און האט אלעמאל געהאפט, אז עס וועט נאך קומען א טאג וואס ער וועט קענען פארווירקליכן זיין ווילן.

פילע מאל האט ער שוין פרובירט ארײנצושיקן בריוו צו די ביורא פונעם 'מאמע רוסלאנד' מיט די ביטע אז מען זאל אים געבן ערלויבעניש ארויסצופארן פונעם 'גאלדענעם רוסלאנד', אבער שטענדיג איז ער צוריקגעוויזן געווארן מיט א קאלטן רוסישען "ניעט", דאס לאנד איז צו זיס און געשמאק אז מען זאל ארויסלאזן איר'ס א בירגער...

אין יענע יארן האט דער רשע סטאלין ימ"ש געהערשט איבערן לאנד מיט א אייזערנעם פויסט, זייענדיג באקאנט אלס א בלוט-דארשטיגער מערדער, וועלכע טראכט נישט קיין צוויי אײדערן ארויסגעבן א טויט-אורטייל אפילו אויף זיינע נאנסטע געהילפן.

פארשטייט זיך אז אונטער דעם רשע'ס הערשאפט האט קיינער נישט באקומען אזוי שנעל דאקומענטן ארויסצוגיין פון לאנד, איבערהויפט, ווען דער בריוו-שיקער האט גאר געוואלט גיין קיין ארץ ישראל, א לאנד וועלכע האט נישט אזוי געשמעקט און איז נישט געווען אזוי איינשטימיג מיט די באהערדע פונעם רוסישן פאלק.

*

ר' משה איז געווען א רעכט דורכגעווייקטער חסיד, לעבנדיג פיר-און-צוואנציג שעה א מעת לעת מיטן רבי'נס תורות און עצות, און טאקע איינס פון זיינע הויפט פריאריטעטן איז געווען דאס אויפוועקן די חסידים צו חצות, צו מקיים זיין דאס וואס דער רבי האט געזאגט, אז "דאס איז דער עיקר עבודה פון א איד!" (שיחות הר"ן, שא).

שוין אין די פריע אווענט שטונדן, נאכן ענדיגן מעריב, האט ער שוין אנגעהויבן זיין מיסיע, צוזיילנדיג די וועלכע זענען געבליבן שמועסן אינעם קלויז, זאגנדיג פאר זיי, אז עס איז נישטא קיין צייט צו פארברענגען, "מען דארף זיך גיין צוגרייטן צום גרויסן גאסט, דער צדיק, וואס קומט שוין אט אן".

ווען די פארזאמלטע האבן זיך געוואונדערט אויפן קול ווער איז דער צדיק וואס קומט באזוכן די שטאט?, האט זיי ר' משה געענטפערט מיט א זיגרייכע שמייכל: "דער גרויסער צדיק, ר' חצות, קומט שוין אט אט אן".

ר' משה האט אויך געפונען צייט ארומצוגיין איבער די הייזער נאך געלט, קלייבנדיג פאר פילע צדקה צוועקן, און ער איז געווען ברייט באקאנט מיט זיין געוואלדיגע איידלקייט, אננעמענדיג סיי וועלכע סכום מען האט אים נאר געגעבן.

*

וויבאלד ר' משה האט מחליט געווען ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, איז ער נישט גרייט געווען אויפצוגעבן אויף זיין רצון, ער האט געוואוסט ביי זיך אז ער מוז דאס אויספירן פאר יעדן פרייז אויף דער וועלט, און איז געווען זיכער ביי זיך אז מיט די ריכטיגע עקשנות דקדושה און איבערמידליכע תפילות וועט ער עס עווענטועל ברעכן.

נאכן שיקן פילע בריוון צו די געוועהנליכע באהערדע וועלכע זענען הויפטזעכליך באאויפטראגט איבער די ערלויבענישן צו פארלאזן דאס לאנד, און ערהאלטנדיג פון זיי שטענדיג דעם זעלבן 'ניעט' ענטפער, און איבערהויפט נאך זיין לעצטע אפליקאציע וואס ער האט ארײנגעגעבן וועלכע איז אפגעזאגט געווארן אינאיינעם מיט א שטרענגע ווארענונג אז דאס קומענדיג מאל וואס ער בעהט צו פארלאזן דעם זיסן לאנד וועט ער שטרענג באשטראפט ווערן, האט ר' משה איינערקענט אז ער מוז נעמען פרישע שריט אין א נייע דירעקציע.

אין א געוואגטן שריט – עפעס וואס וואלט אים געקענט אפקאסטן צענדליגע יארן אינעם ווייטן פרעסטיגן סיביר - האט ער זיך געזעצט שרייבן א פערזענליכן בריוו, צו... - נישט קיין אנדערער ווי סטאלין אליינס!

מיט גרויס קוראזש, שעפשענענדיג א תפילה צום אייבערשטן, האט ער זיך גענומען שרייבן ווי פאלגענד:

"וויבאלד מיין טאטע ע"ה האט מיר באפוילן איידער ער האט פארלאזט די וועלט, אז איך זאל זיך בלויז שפייזן פון געלטער וועלכע איך וועלן קלייבן ביי גוטהארציגע מענטשן, און אינעם מוטער-לאנד רוסלאנד טוט דאס געזעץ שטרענג פארבאטן שנארעריי. אלזא, געפין איך זיך אין א שווערע דיאלעמע, פון איין זייט ליגט אויף מיר די אחריות צו מקיים זיין מיין פאטערס צוואה, אבער פון די אנדערע זייט וויל איך חלילה נישט עובר זיין אויף סיי וועלכע געזעץ וואס דער צאר האט באפוילן... דערפאר בעהט איך פון אייך, טייערער ליבער 'חבר סטאלין', גיב מיר ביטע ערלויבעניש צו פארלאזן דאס לאנד, און אזוי וועלןביידע פראבלעמען געלעזט ווערן גרינגערהייט".

דאס בריוול איז אנגעקומען צו איר אדרעס, און איז געליינט געווארן דורך די איינגעשטעלטע וועלכע האבן זיך געפרייט פטור צו ווערן פון דעם מאדנעם אנשיקעניש... ביז געציילטע טעג האט זיך ר' משה שוין געפונען אויפן שיף צום הייליג לאנד מיט די נויטיגע שריפטן!


ואלו יעמדו על הברכה

מוה"ר שמחה גראס הי"ו
ירושלים
שתרם 1,000 גליונות
לרגל אירוסי בתו עב"ג
החתן מרדכי יצחק סאמעט נ"י
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר ישראל משה נײמאן הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל נישואי בתו עב"ג
החתן יעקב זילבערשטיין הי"ו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר יוסף גליק הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר זכרי' רײנהאלד הי"ו
בארא פארק
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

בס"ד
מהנעשה והנשמע | מועדים וזמנים | אינטערוויאס | סיפורי התקרבות
אין ברסלב ברענט א פייער
מערכת ברסלב
646 585 2985
ארץ ישראל 02.560.7387
אוצר השיעורים | שיחת חברים | 'טועמיה' 5 מינוט חיזוק | ניגונים / נוסחאות